בעזהשי"ת

**שיחה מיוחדת**
**- בדרך למירון -**
ערב ראש חודש אלול
עם הרה"ח **ר' לוי יצחק**
והרה"ח ר' **שמואל**
**שפירא** והרה"ח ר'
**נחמן בורשטיין**

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
פ"א

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

ר' שמואל מטשעהרין
ר' דוב שו"ב
ר' שמחה כהן הצדיק
צו וועלכן רבי'ן האבן די ברסלב'ער צו פארן?!
ר' נחמן רעוואוצקער
פארשוואונדן אין מיטן די חתונה
געקאכט ווי א קעסל
אחר הדברים והאמת האלה בא סנחריב...
געוואלד, ווען וועל איך זוכה זיין צו אזא טיש?!
לב העולם
אבי ער איז געפארן אויף ראש השנה!
חוץ לארץ קען דיך נישט סובל זיין!
נתן בן האשה חנה
אט דא איז דיין ארט!
אודות ר"נ בר"י וקרובי משפחתו
רבי שמעון קער זיין דא!

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו:

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המעס הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המעס הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש **2#** ואח"כ **81#**

©

כל הזכויות שמורות

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**(מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של **$15** עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מעס **347-232-7166 (1+)**

בס"ד

# ~ ערב ר"ח אלול תשל"ה ~

(טייפ מס' 94#)

(שיחת חברים בדרך למירון - פרשת שופטים - ערב ראש חודש אלול)

## ר' שמואל מטשעהרין

(חסרה ההתחלה, ומובן שמדברים אודות הנדפס ב'אבניה ברזל' – 'שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת ז"ל', אות מ"ג, על ר' שמואל ור' אפרים בן ר' נפתלי חתנו, שם כתוב ר' שמואל 'מטעפליק', וזו טעות, כי ר' שמואל חותנו היה ר' שמואל ב"ר אבא שוחט 'מטשעהרין', אבי ר' אבא'לע, תלמיד מוהרנ"ת[א])

ר' לוי יצחק: זיי ברענגען דארטן 'ר' שמואל טעפליקער', עס האט גארנישט קיין שום זין.

ר' נחמן בורשטיין: אבער איין פלא איז דא - ר' אבא'לע דערמאנט גארנישט אז ר' אפרים זאל זיין א שוואגער צו אים - ר' אפרים ב"ר נפתלי מיט ר' אבא'לען זענען שוואגערס?

ר' שמואל שפירא: אוודאי, מיט דעם צווייטן ר' אבא.

רלוי"צ: אוודאי, אוודאי - יא, יא.

און זיי זענען געפארן אלעמאל צוזאמעןביידע. א ברִיוו איז דא![ב]

ר' נחמן: יא, יא!

---

[א] וז"ל שם באבניה ברזל: מוֹהֲרַנַ"ת אָמַר לְאֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, בְּחָנוּנִי נָא בָּזֹאת, אִם יִהְיֶה לְךָ אַרְבָּעִים יוֹם רְצוּפִים הִתְבּוֹדְדוּת, בְּוַדַּאי יִהְיֶה לְךָ שִׁנּוּי לְטוֹבָה. פַּעַם אַחַת אָמַר לְר' שְׁמוּאֵל מִטֶּעפְּלִיק: עֶר מֵיינְט עֶר אִיז שׁוֹין פַּארְטִיג, פַּארְגֶעם נִיט אַז דִּי מִשְׁנָה זָאגְט 'כָּל שֶׁעִסְקוֹ עִם הַנָּשִׁים סוֹרוֹ רַע'. וְר' אֶפְרַיִם חֲתָנוֹ שָׁמַע זֹאת, וְנִכְנַס בְּלִבּוֹ מְאֹד לִלְמֹד קַל וָחֹמֶר בְּעַצְמוֹ, שֶׁחָמִיו הָר' שְׁמוּאֵל הַנַּ"ל הוּא זָקֵן, וְהוּא הָיָה רַךְ בְּשָׁנִים כַּמָּה הוּא צָרִיךְ לִירֹא מִזֶּה, כִּי הוּא גַּם־כֵּן הָיָה עִסְקוֹ בְּתַכְשִׁיטֵי נָשִׁים!

[ב] עיין עלים לתרופה מכתב שפ"ט: גַּם מִדֵּי עָמְדִי בְּשָׂדֶה לָבָן בְּיוֹם א' הֶעָבַר, גִּלְגֵּל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁבָּא לְאַכְסְנַאי שֶׁלִּי פִּתְאֹם יְדִידֵנוּ רַבִּי אֶפְרַיִם מִקְּרֶעמִינְטְשַׁאג וְרַבִּי אַבָּא בֶּן רַבִּי שְׁמוּאֵל מִטְּשֶׁעהְרִין, שֶׁנָּסְעוּ דֶּרֶךְ שָׁם לְבַּארְדִּיטְשׁוֹב בִּדְבַר עֵסֶק שִׁדּוּךְ, וְשָׂמְחוּ עִמִּי מְאֹד וְדִבַּרְנוּ קְצָת דִּבְרֵי תּוֹרָה...

רלוי"צ: ווייל ווי קומט ר' אפרים קיין קרימענטשאק? נאר וואס דען, עס איז דאך אלץ לעבן טשעהרין, און ער איז געווען זיין איידעם (של ר' שמואל ב"ר אבא שוחט מטשעהרין)

ר' נחמן: געדרוקט האבן זיי געדרוקט ר' שמואל מטעפליק.

רלוי"צ: עס איז א טעות, עס איז א טעות!

ר' נחמן: א נאמען 'ר' שמואל יצחק מטעפליק' קענט איר יא?[ג]

רלוי"צ: אויך א טעות (כי צריך להיות ר' שמואל מטעפליק[ד])

דער שמואל - ר' אבא'ס זוהן, ר' אבא'לעס פאטער, איז געווען נאך פון רבי'נס מענטשן, און ער האט נישט אזוי געהאלטן פון ר' נתן'ען, אזוי (כך היה) אסאך האבן נישט געהאלטן אזוי (כראוי, כי ההסתרה היתה רבה), נאר וואס דען, ער איז געווארן אן אלמן - דער ר' שמואל איז געווארן אן אלמן, און ר' אבא'לע האט אנגעהויבן דאווענען פארן עמוד, האט ער געהערט ווי ר' אבא'לע דאוונט. נו, אזוי? האט ער שוין פארשטאנען 'דאס דאווענען נעמט זיך בכח פון ר' נתן'ען'! דעמאלט האט ער שוין אנגעהויבן אביסל (להכיר בכוחו של מוהרנ"ת) אזוי א דאווענען!...

ר' נתן איז געווען א סוד!

❖

## ר' דוב שו"ב

(נושאים ונותנים בספר מכתבי ר' נתן בן ר' לייבעלע ראובנ'ס, ואודות כמה שמות מאנ"ש המוזכרים שם)

ר' נחמן: ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס - אין אלע מכתבים זיינע רירט ער זיך נישט: נאר דער רבי מיט ר' נתן'ען - דער רבי מיט ר' נתן'ען - אומעטום! "און אלע תיקונים", זאגט ער, "וועט זיין דורכן רבי'ן און ר' נתן'ען!"[ה] וואס ער רעדט - איז אלץ דער רבי מיט ר' נתן'ען!

---

[ג] כך נדפס באבניה ברזל - שיחות וסיפורים מרבינו ז"ל, אות ע"ד, וזל"ש: ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק מִטֶּעפְּלִיק סִפֵּר שֶׁפַּעַם אַחַת כְּשֶׁהָיָה בְּלֶעמְבֶּערְג עִם רַבֵּנוּ זַ"ל, וְרָאוּ שֶׁהָיוּ מוֹלִיכִים רַאטֶע (גְּדוּד) אַנְשֵׁי חַיִל. אָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זַ"ל שֶׁיֵּלֵךְ וִיסַפֵּר כָּךְ וְכָךְ שׁוּרוֹת וּבַשּׁוּרָה הַזֹּאת יִסְפֹּר כָּךְ וְכָךְ אֲנָשִׁים, אִין זָאל אִיהְם אַרוֹף רִיקֶען דֶּעם אַרְבִּיל (וְשֶׁיָּסִיט לוֹ כְּלַפֵּי מַעְלָה אֶת הַשַּׁרְווּל) וְכֵן עָשָׂה. וְרָאָה שֶׁהוּא מְלֻבָּשׁ בְּתַכְרִיכִים, וְאָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל שֶׁפֹּה הַדֶּרֶךְ שֶׁהַמַּלְאֲכֵי חַבָּלָה מוֹלִיכִין אֶת הָאָדָם לְהַגֵּיהִנָּם.

[ד] עי' שיש"ק ח"א, אות צ'.

[ה] עיי"ש במכתב קפ"א, וזל"ש: מה יש לנו לדאג כשיש לנו רבי כזה ותלמיד כזה אשר הם יאירו כל פני תבל ועל ידם יהיה תיקון כל העולמות ובוודאי בתוך העולמות נתתקן גם נפשותינו!!! ואנו צריכין לקשר עצמנו בכל עת מחדש

**רלוי"צ: יא יא!**

**ער איז געווען פון די וואס האבן געגעבן א פליִיצע פאר ר' נתן'ען!**

**דער אויבערשטער האט אזוי צוגעפירט - ר' נתן אין די מחלוקת האט ער געהאט עטליכע וואס האבן אים געגעבן א פלייצע,** (בלויז) **עטליכע איז געווען; ר' נחמן טולטשינער; ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס[ו]...**

❖

**ר' נחמן: אין איין פלאץ דערמאנט ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס - ער שרייבט דאס צו די צפת'ער - ר' דוב שוחט ובודק, ווער איז דער[ז]?**

**רלוי"צ: ר' בער פון טבריה[ח]! ער איז געווען א מלמד אין טבריה, ער ליגט דאך אין טבריה, בערל שוחט![ט]**

❖

## ר' שמחה כהן הצדיק

**ר' נחמן: ער שרייבט[י]: "צום סוף איז אונטערגעקומען 'ר' שמחה כהן הצדיק'", ווער איז דער ר' שמחה? אפשר ר' שמחה ב"ר מאיר פון מעדוועדיווקע[יא]? ניין 'כהן הצדיק'.**

**רלוי"צ: ניין!**

**ר' נחמן: וויפיל זין האט געהאט ר' מאיר פון מעדוועדיווקע?**

**רלוי"צ: דריי; ר' אהרן ליפאוועצקער, ר' שמחה, און ער האט געהאט א זון ר' נחמן.**

---

לאורות האלו ובודאי יהיה הכל נכון ובוודאי אם נהיה בטוחים בהשי"ת ונהיה מקשרים באמת לרבנו ז"ל ותלמידו הק' בודאי אי"ה יהיה הכל על נכון הן בגשמיות והן ברוחניות!

[ו] עי' שיש"ק (החדש) ח"ב, שכ"ד.

[ז] מוזכר כמה פעמים, עי' מכתבי ר"נ בר"י מכתב י, י"א, י"ב, י"ג, ועוד.

[ח] ממכתביו מובן שגר בצפת, אולם יתכן שכשעלה מאמצע שנת התר"כ אז היה גר בטבריה ויתכן שגם חזר לשם אח"כ ושם מנו"כ.

[ט] בשנת תר"ז נתמנה לשו"ב בנעמירוב, המתנגדים שם ירדו לחייו וסבל רדיפות חרפות ובזיונות. בשנת תרכ"ה עבר לגור בטעפליק בסיוע אנ"ש דשם. אבל גם בטעפליק רדפו אותו המתנגדים ואסרו את שחיטתו. אנ"ש מטעפליק פנו בענין זה במכתב אל הגאון ר' שלמה קלוגער. על פי עצת ר' נחמן מטולטשין עזב את מלאכת השחיטה, עלה לא"י והשתקע בצפת. מוזכר במכתב ר' נחמן מטולטשין לצפת משנת תרמ"א. בניו: ר' העניך ור' שלום (גידולי הנחל).

[י] שם מכתב קנ"ו.

[יא] עי' כוכ"א אותות ומופתים שנראו מאדמו"ר ז"ל, אות י"ב: מַה שֶׁהוֹדִיעַ לְר' מֵאִיר הַנַּ"ל בְּעִנְיַן הַבָּנִים וּבְעִנְיַן הָעֲנִיּוּת גַּם זֶה שָׁמַעְתִּי מִפִּי בְּנוֹ ר' שִׂמְחָה הַנַּ"ל שֶׁשָּׁמַע מִפִּיו בְּעַצְמוֹ וכו', עיי"ש.

**ר' נחמן:** און ר' חיים סטאלער האט נאר געהאט די צוויי זין - ר' לוי יצחק און ר' ישראל?

**רלוי"צ:** יא, ר' ישראל טיראהוויצער. און שבתי איז געווען אן איידעם ביי ר' חיים'ען.

**ר' נחמן:** און ר' ישראל טירהאוויצער איז געווען אן איידעם ביי ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס.

**רלוי"צ:** יא!

**ר' נחמן:** איז ווער איז געווען ר' שמחה כהן הצדיק?

**רלוי"צ:** איך וויים נישט!

**ר' נחמן:** ער שרייבט: אז ער איז פון אונזערע לייט און אז ער איז געווען ביי אים א שטיקל צייט און ער האט זיך מחיה געווען, מען האט גערעדט א גאנצע נאכט פון רבי'ן.

**רלוי"צ:** יא, יא! (דאס איז) א נייעס אז ר' נתן האט געהאט תלמידים צדיקים? ר' נתן האט געהאט תלמידים צדיקים נוראים![יב]

❖

## צו וועלכן רבי'ן האבן די ברסלב'ער צו פארן?!

**ר' נחמן:** ר' יעקב בער דער חזן פון ברסלב[יג] - ווער איז דאס געווען?

**רלוי"צ:** איך וויים נישט![יד]

דאס וויים איך; ר' נתן האט געהאט תלמידים - צדיקים, צדיקים! פאר די וועלט איז געווען קשה פארוואס די ברסלב'ער חסידים פארן נישט צו קיין רבי'ן, (אבל באמת) צו וואספארא רבי'ן זאלן מיר פארן?! זיי זענען געווען גרעסער ווי דער רבי (פלוני)! צדיקים!

---

[יב] ראה מה שכותב מוהרנ"ת בימי מוהרנ"ת ח"א, פ"ז: "הִתְחִילוּ לְהִתְקַבֵּץ אֵלַי כַּמָּה בְּנֵי הַנְּעוּרִים אֲשֶׁר נָגַע יִרְאַת הַשֵּׁם בְּלִבָּם וּתְהִלָּה לָאֵל דִּבַּרְתִּי עִמָּהֶם הַרְבֵּה וְנַעֲשׂוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים וִיקָרִים מְאֹד עַד אֲשֶׁר **נִמְצָא** בָּהֶם כַּמָּה **שֶׁרָאוּי לִקְרוֹתָם בְּשֵׁם צַדִּיקִים!** אֲשֶׁר כָּל רוֹאֵיהֶם יַכִּירוּם כִּי הֵם זֶרַע בֵּרַךְ ה' יוֹסֵף ה' עֲלֵיהֶם כָּהֵם אֶלֶף פְּעָמִים וְכוּ'". גם ע' מה שמובא בכוכ"א, סוף אנשי מוהר"ן: "וְכֵן כָּל הָאֲנָשִׁים שֶׁנִּתְקָרְבוּ לְהַמְקֹרָבִים שֶׁל אַדְמוּ"ר זַ"ל **בִּפְרָט** אוֹתָם שֶׁנִּתְקָרְבוּ לְמוֹהֲרנַ"ת זַ"ל וְקִיְּמוּ וְעָשׂוּ כְּפִי מַה שֶּׁהוֹרָה אוֹתָם מוֹהֲרנַ"ת זַ"ל בְּדַרְכֵי אַדְמוּ"ר זַצַ"ל וּבַעֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת, כֻּלָּם בְּעֵרוּ לְבָבָם לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ **וְהָיוּ צַדִּיקִים גְּמוּרִים!...** וְכֵן כָּל הָאֲנָשִׁים שֶׁנִּתְקָרְבוּ בֶּאֱמֶת לְמוֹהֲרנַ"ת זַ"ל בִּלּוּ כָּל הַיָּמִים לְרַבּוֹת הַלֵּילוֹת רַק בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה וּתְשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וְהִתְבּוֹדְדוּת! **אַשְׁרֵי לָהֶם וְאַשְׁרֵי חֶלְקָם!**"

[יג] מכתב קנ"ו

[יד] חזן בעיר ברסלב. בשנת תרמ"ג עלה לא"י והתיישב בצפת. בבואו היה אלמן ונשא אשה בא"י. ר' נתן ב"ר יהודה מטבריה כותב עליו (מכתב קנ"ח): "וגם ר' יעקב בער הוא מאנ"ש ונסע בכל שנה ושנה על ציון רביז"ל" (גידולי הנחל).

קדושים! געברענט צום אויבערשטן, געפלאקערט, וואס? וואס א רבי? צו ווערמען זאל ער פארן - צו ווערמען?! ער גייט ארום אין די פעלדער און ברומט צום אויבערשטן אזוי ווי די חיות[טו], פלאקערט ביים דאווענען, צו ווערמען זאל ער פארן? וואס זעהט ער ביי אים? וואס וועט ער נעמען ביי אים? פארוואס זאל ער פארן צו אים?!... אז ער האט פארזוכט פון דעם אונגערישן וויין קען מען אים אפנארן?!...[טז]

❖

ר' נחמן: ווער איז געווען ר' נחום זלמן[יז]? ער שרייבט אויף אים גרויסע זאכן.

רלוי"צ: ר' נחום זלמן? (כנראה שאינו ידוע)

דארטן (בעולם האמת) איז דא - א שיינער חדר איז דארטן דא ביים רבי'ן! א שיינער חדר!

❖

## ר' נחמן רעוואוצקער

ר' נחמן: ער שרייבט: 'וואס מאכט הזקן מאומאן'[יח], דאס איז ר' נחמן רעוואוצקער[יט] - ר' נחמן ב"ר זלמן?! אזוי שרייבט ר' נתן לייבעלע ראובן'ס: 'מה עושה הזקן מאומאן' - ער שרייבט דאס אויף ר' נחמן רעוואוצקער - ווייזט אויס.

---

[טו] עי' שיש"ק ב' רכ"ו; פַּעַם אָמַר רַבֵּנוּ כְּמִתְאוֹנֵן: "אַף שֶׁהִנְּכֶם אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים, אֲבָל לֹא לְזֹאת הִתְכַּוַּנְתִּי, הִתְכַּוַּנְתִּי שֶׁיִּהְיוּ לִי אֲנָשִׁים כָּאֵלּוּ, שֶׁיִּנְהֲמוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לֵילוֹת שְׁלֵמִים כְּחַיּוֹת בַּיַּעַר". "נִישְׁט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶימֵיינְט אִיךְ הָאבּ גֶימֵיינְט צוּ הָאבִּין אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן בְּרוּמֶען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַ גַּאנְצֶע נַאכְט וִוי דִי חַיּוֹת אִין וַואלְד". ואמר ע"ז מוהרנ"ת: "דאס וואס דער רבי האט געוואלט - ביי מיר איז דאס געווען!!!" עיי"ש.

[טז] עי' חיי מוהר"ן ר"ס, וזל"ש: אמר משל שפעם אחת נסע סוחר גדול עם יין טוב אינגרישער [אונגרי]. פעם אחת אמר המשרת והבעל עגלה להבעל הבית הלא אנו נוסעים בדרך הזה עם היין הזה, ואנו סובלים הצער כל כך תנו לנו לטעם מעט. ונתן להם לטעם מזה היין הטוב. לאחר ימים נתגלגל שזה המשרת נתועד יחד עם שותי יין בעיר קטנה ושתו יין ושבחו אותו מאד, ואמרו שהוא יין אונגרישער. אמר המשרת הנ"ל תנו לי לטעם ונתנו לו. ואמר אני יודע שאין זה יין טוב אונגרישער כלל, וגערו בו ודחפו אותו. והוא אמר הלא אני יודע שאין זה יין אונגרישער כלל, כי הלא אני הייתי אצל סוחר גדול כזה וכו' והם לא השגיחו עליו. ואמר, אבל לעתיד כשיבוא משיח אז ידעו כשיתנו יין המשמר, אזי לאחרים יוכלו להטעות ויתנו להם יין וואליחשין סטראוויצטיר ויאמרו להם שהוא יין הטוב המשמר, אבל לאנשי שלומנו לא יוכלו להטעות כי אנחנו טעמנו היין הטוב! וכו'.

[יז] ג"כ מוזכר כמה פעמים במכתבי ר"נ בר"י: מכתב א', ד', י"ב, י"ג.

[יח] במכתב קע"ד: "גם בקשתי ממך להודיע לי מה עושה הזקן מאומן - אם אוחזין אותו בהספיטאל ואם נותנין לו אכילה".

[יט] מחשובי אנ"ש ומסתבר שעוד זכה לקבל פני מהרנ"ת. בנו של ר' זלמן הקטן. תלמיד רביז"ל. התגורר בעיירה ריבוצק הסמוכה לאומאן ועלה לא"י, והיה מראשוני אנ"ש שהתיישבו בצפת. בשנת תר"ל סמך את ר' יצחק בן מוהרנ"ת בחליו ולא מש ממנו במשך כמה ימים. מוזכר כמעט בכל מכתבי ר' נתן ב"ר יהודה מטבריה בשנים תרל"ה-תרמ"ד: "ידידינו

**רלוי"צ:** ער איז דאך געווען אין צפת דער ר' נחמן.

**ר' נחמן:** ער שרייבט אין די בריוו - ר' יצחק (בן מוהרנ"ת), אז ער איז געווען ביי אים, 'וכל היום וכל הלילה [עמד אצלי ושרת אותי בכל מלי'[כ]]

**רלוי"צ:** יא יא!

**ר' נחמן:** זיין טאטע איז געווען ר' זלמן הקטן[כא]. עס איז דאך געווען צוויי ר' זלמן'ס ביים רבי'ן; ר' זלמן דער קליינער ווען דער רבי האט געשיקט נעמען די הסכמות (מגדולי וצדיקי הדור על ספרו הקדוש ליקו"מ), און עס איז געווען ר' זלמן מאומאן - ר' נתן דערמאנט אים אויך דארט[כב].

❖

## פארשוואונדן אין מיטן די חתונה

**רלוי"צ:** אפילו די גבירים אונזערע - ווי ר' אבא'לע[כג], דאס הארץ איז געווען א הארץ! ר' אבא'לע איז געווען א הארץ צום אויבערשטן! מיט אזא מין (דביקות!)

א מענטש מאכט חתונה א קינד, ביי די חתונה זענען געווען אלע גבירים פון די מלוכה, אלע זענען געקומען צו די חתונה, און עס קומט די צייט פון חצות - ר' אבא'לע איז נישטא! אבא'לע איז נישטא! (והיו הכל תמהים:) עס קומען צו דיר אזעלכע גרויסע מענטשן און מען גייט אוועק?!

אהובינו באמת וותיק וחסיד המופלא ומופלג וכו' וכו'". גם בניו היו מאנ"ש וידוע שבראש השנה תרמ"ב היו כולם באומאן. מוזכר גם במכתבי ר' נחמן מטולטשין (עי' הערה כ"א). (גידולי הנחל).

[כ] עי' בעל"ת במכתבי מהר"י, י"ז: כִּי בְּיוֹם שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת אָמַרְתִּי לִידִידֵנוּ רַבִּי נַחְמָן רִיוָואצְקֶער אֲשֶׁר הוּא גָּמַל עִמִּי חֶסֶד כָּזֶה אֲשֶׁר לֹא הֶאֱמַנְתִּי אִם לֹא רָאִיתִי, לֹא פָּנָה לְבֵיתוֹ בִּלְתִּי בְּעֵת אֲכִילָתוֹ. וְכָל הַיּוֹם וְהַלַּיְלָה עָמַד אֶצְלִי וְשֵׁרֵת אוֹתִי בְּכָל מִלַּי, וַאֲפִלּוּ לֵיל כָּל נִדְרֵי לָן אֶצְלִי, עַד לֵיל יוֹם א' דְּסֻכּוֹת אֲשֶׁר בָּרוּךְ הַשֵּׁם הָיִיתִי עַל זֶה הָעוֹלָם. יְהִי ה' עִמּוֹ וְיִזְכֶּה לְכָל טוּב אֲמִתִּי כַּאֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ. וְאֶצְלִי הוּא בִּלְתִּי סָפֵק אֲשֶׁר זֹאת הַמִּצְוָה תֵּלֵךְ לְפָנָיו בָּרִאשׁוֹנָה.

[כא] במכתב של ר' נחמן טולטשינער - נחלי אמונה מכתב ג': "חברינו המופלא וכו' וכו' ר' נחמן נ"י בן המנוח ר' זלמן הקטן זלה"ה.

[כב] עיין ימי מוהרנ"ת ח"א אות ק"י. ובח"ב אות כ"ב: 'אחד מחשובי אנ"ש - הותיק הרבני מורנו הרב ר' זלמן מאומאן'.

[כג] מכונה בפי אנ"ש – ר' אבא'לע. שמו המלא: ר' אברהם אבא רבינאוויטש. בנו של ר' שמואל ב"ר אבא. תלמיד מוהרנ"ת וידיד נפשו של ר' אברהם דוב נכד רביז"ל. למרות עשירותו המופלגת היה בורח מן הכבוד עד הקצה האחרון ועובד ה' בהתלהבות. סייע בכל יכלתו למוהרנ"ת בעסקי הדפסה ותמך ביד רחבה בעניי אנ"ש ובישוב אנ"ש שבא"י. בקיץ תרכ"ט ביקר בא"י יחד עם ר' נחמן הרב דטשעהרין ור' יעקב ב"ר צבי. בשנת תרל"ו נפטרה זוגתו הראשונה ולעת זקנותו נולדו לו ילדים מזוגתו השניה. (גידולי הנחל)

מען האט אים געפונען אין א צימער - איז ער געלעגן אויף דער ערד בפישוט ידים ורגלים און ער האט געשריגן צום אויבערשטן...

אין מיטן די חתונה - אפלאזן די חתונה, עס איז געקומען חצות - זיך אוועקלייגן דארטן אויף דער ערד, וואו האסטו היינט אזעלכע מענטשן?! א בעל הבית - א גביר, דאס איז געווען ר' נתן'ס בעלי בתים! דאס איז שוין די בעלי בתים וואס ר' נתן האט געהאט...

ר' נחמן קורא ממכתב י"ב: "אוי על שברנו, השבר הגדול אשר קרה לנו בפטירת הצדיק העניו מורינו הרב ר' נחום זלמן" - ער רופט אים 'הצדיק'! און ער דערמאנט ר' אבא'לעס פטירה[כד], און ער דערמאנט ר' אפרים'ס פטירה[כה].

❖

## געקאכט ווי א קעסל

רלוי"צ: ר' אבא'לע איז ארומגעגאנגען אמאל ערב ראש השנה, עס שטייען בינטלעך און רעדן פונעם רבי'ן, האט ער געזאגט אזוי: 'אוואו עס שטייען צוויי מענטשן פון אונזערע לייט און רעדן - דארף יענער מיטנעמען (כלי כתיבה) און פארשרייבן, ווארום אלע רעדן נאר פונעם רבי'ן!'

דאס רעדן פונעם רבי'ן - ארויסגייענדיג פונעם רבי'נס ציון ערב ראש השנה - איז געווען אזא מין (התעוררות!) יעדער איינער וואס איז ארויס פון דעם רבי'נס ציון האט געכאפט נאך איינעם און אנגעהויבן רעדן פונעם רבי'ן!

ווער עס איז ארויסגעגאנגען פון רבי'נס ציון - 'אה הא, אה הא'!

אז מען הויבט אן זיך דערמאנען די ערב ראש השנה'ס פון די אידן - אה!

---

[כד] במכתב ס': "ועתה אחי ידידי נודע לי משברנו הגדול שעבר עלינו בעת הזאת אשר נלקח מאתנו פאר ראשנו מחמד עינינו ר' **אבא'לע** זצ"ל אשר אור תורתו וצדקתו יצרור בצרור החיים בתוך נשמות הצדיקים והחסידים של רבינו ז"ל ותלמידו הק' אך עלינו לספד מספד רב שנחסר לנו מתוך הקבוץ הקדוש אדם גדול כזה ע"כ בני ואחי מאד בקשתי ממך לכתוב לי מתי היה הסתלקותו ואם כתב צוואה ואיך ובאיזה אופן ואם דיבר קודם הסתלקותו", וכו' עיי"ש.

[כה] במכתב קנ"א, וכך הוא כותב עליו: "אוי ומר על שברנו המר והמרור ששמעתי בזה הרגע מהסתלקות הצדיק החסיד ר' **אפרים** זכותו יגן עלינו אוי לי וי לי אוי אוי לי על צנא מלא דספרא אשר מסר נפשו בשביל להיות על ר"ה של הצדיק!".

דער ציון איז דאך א קליינער ציון - 'עומדים צפופים ומשתחוים רווחים'[כא]. ווען מען איז אריינגעגאנגען האבן השטתחות איז געווען געוואלדיג, מענטשן זענען געשטאנען שעה'ן דארטן, די קולות מיט די 'רעדן צום אויבערשטן', וואס עס האט זיך איבערגעטאן א ערב ראש השנה!? און וואס? נאר געשריגן אויף אידישקייט! געשריגן נאר אויף אידישקייט!

פון חצות אן איז שוין געווען דער ציון פול - פון חצות לילה, און ביי סליחות - עס האט זיך אנגעהויבן דארטן דריי אזייגער - און מען איז שוין אראפגעקומען (מהציון לסליחות - לזכור ברית), אבער אסאך זענען נאך געבליבן אויפן ציון - ווען מען איז אראפגעגאנגען האט מען געהערט די קולות פון דעם ציון ביז אויבן אין שול - אה!

נאכן דאווענען איז מען ארויף אויפן ציון - געוואלד! געוואלד! עס האט געקאכט א פאבריק! א קעסל האט געקאכט! יעדער איינער איז ארויסגעגאנגען פון ציון אזוי ווי איינער וואס גייט ארויס פון א שוויץ - אויסגעוואשן און אויסגעבראטן זיך - איבערגעקאכט! אריינגעגאנגען א טמא - ארויסגעגאנגען א טהור! אזוי איז געווען, מען האט ממש אנגעטאפט דעם רבי'ן, אנגעטאפט, אט איז ער! אט איז ער!

ר' נחמן: איינער האט געזאגט ארויסגייענדיג פונעם ציון ערב ראש השנה: 'דעם קרן האבן מיר שוין ארויסגענומען; יעצט גייט כולו רווח!' דעם קרן האבן מיר שוין ארויסגענומען - 'די וועלט וואלט זיך געוואונטשן אזא ראש השנה ווי ביי אונז ערב ראש השנה!'[כב] - איז פון יעצט גייט כולו רווח!

רלוי"צ: וואס עס האט זיך איבערגעטוהן א ערב ראש השנה, אה! מילא די צייטן פון ר' נתן'ען איז געווען א ר' נתן! (כמו"כ) אין די צייטן פון ר' נחמן טולטשינער, אבער אפילו אין מיינע צייטן - ווען עס איז שוין געווען אביסעלע שוואכער, עס איז געווען א מלחמה צייט, (עם כל זה) מען פלעגט אריינקומען אין שול אריין דאווענען מנחה, איז די עובדים - זיי זענען געווען א גאנצע נאכט און א גאנצן טאג (אויפן ציון - זענען זיי) אריינגעקומען עפעס אזוי איבערגעברענט, אזוי איבערגעקאכט, אזוי אז ממש 'לית דין בר נש' - א מלאך!

---

[כא] יומא כא.

[כב] חיי מוהר"ן ש"ה

אז דער רבי לאזט צו צו זיך איז גאר עפעס אנדערש! נישט תמיד לאזט ער צו, אבער אז ער לאזט צו צו זיך - אוי אוי!

ר' נחמן: ווער ווייס צו מיר וועלן נאך האבן ביז משיח'ן אזא זאך...

❖

# אחר הדברים והאמת האלה בא סנחריב...

רלוי"צ: דאנקען גאט וואס מיר זענען כאטשיג נישט קיין מתנגדים אויף דער זאך. עס איז דאך דא מענטשן - רח"ל וואס אינדרויסן טוט זיך - דער רבי האט דאך געזאגט 'אחר הדברים והאמת האלה בא סנחריב'...[כח]

איר ווייסט וואספארא התנגדות עס איז געווען אין אומאן? דא ברענט א פייער (פון רבי'ן), און דא קאכט אינדרויסן אזא התנגדות! און אזוי גייט עס, אזוי גייט דעם רבי'נס זאך! דאס וויל דער רבי, דאס האט דער רבי געוואלט - אזא מין עבודה האט ער געוואלט, אזא מין מסירות נפש האט ער געוואלט, "ישמע בזיונו ידום וישתוק"[כט] האט ער געוואלט, און ווער עס וועט זיך האלטן אין דעם מער - וועט ער האבן מער.

דער וואס וויל נאר זיין א געפוצטער און א געלאטעטער (ואינו מוכן לסבול הבזיונות), נו, שוין, דו קענסט אויך זיין - דו קענסט זיין פון די וואס קומען כאפן שיריים - אויך גוט, דאס איז אויך גוט, אבער זיין איינגעבאקן אין האריץ[ל] - טאקע זיין אזוי, איז (זה רק כשמוכן לסבול בשביל כך[לא]).

---

[כח] עי' חיי מוהר"ן שצ"ז: פעם אחת סיפר מענין אמיתת מעלתו המופלגת הנוראה מאד. בתוך דבריו ענה ואמר: 'אחרי הדברים והאמת האלה בא סנחריב', פסוק הוא בדברי הימים (ב' ל"ב) שמספר שם מעוצם צדקת יחזקיהו המלך, ואחר כך מתחיל המקרא אחרי הדברים והאמת האלה בא סנחריב. והבן הדברים איך מבאר היטב בזה הפסוק שדייקא אחר גודל אמיתת צידקתו של יחזקיהו המלך, בא עליו סנחריב, והיה לו צער גדול ממנו. ומעתה אין לתמוה על גודל המחלוקת שיש על צדיקים אמתיים.

[כט] עי' ליקו"מ ו'

[ל] על פי שיחתו של רביז"ל - עי' שיש"ק הנדמ"ח א' קמ"ו: ביי מיר איז דריי כתות חסידים - א כתה חסידים וואס זיי ווילן הערן תורה, א כתה חסידים וואס זיי ווילן כאפן שיריים, און א כתה וואס זענען אין מיר איינגעבאקן אין האריץ וכו'...

[לא] עי' ליקו"ה שבת ה"ו, אות י"ב, וז"ל שם בא"ד: וכידוע שיחה זאת אצלינו שלפעמים כשיפקח עינו של אחד ורואה נפלאות אמיתת האמת של הצדיקים האמיתיים. הוא ממתין עדיין עד שישובו כל העולם אל האמת ויתקרבו כולם אליהם ואז לא יהיה לו שום פחיתות כבוד כשירצה להתקרב ואז דייקא יתקרב הוא גם כן. ובאמת לא כך היא המדה. כי אדרבא זהו עיקר הנסיון שלו שיתקרב דייקא בעת שהאמת נשלך ארצה ויראי חטא נמאסים כמו עכשיו בעוונותינו הרבים... ועל כן מי שפקח ה' את עיניו ורואה מעט אמיתת האמת של חידושי תורה כאלו וכו' ראוי לו לרוץ בכל כחו אליהם כבורח מבאר שחת אל מקור מים חיים נצחיים... כי כל אחד יודע בנפשו מה שפגם וקלקל מעודו,

עס איז געווען אזא מין ארעמקייט, א מענטש איז געקומען קיין אומאן - מיט וואס איז ער דען געקומען? ער האט מיט גענומען מיט זיך א זעקל אויף די פלייצע - און וואס איז דארטן געליגן? א פאר וועש! אויב עס איז אויך געווען עסן האט מען געגעסן...

יעדער איינער איז פול געווען - פול מיטן רבי'ן! יעדער איינער איז געווען פול מיטן רבי'ן! און אז מען האט געפאקט נאך איינעם איז געווען - אה!

ר' נחמן: מען האט ארויסגעגעבן (סחורה!)

רלוי"צ: יא!

❖

## געוואלד, ווען וועל איך זוכה זיין צו אזא טיש?!

רלוי"צ: ברוך השם - מיר האבן געהאט א טיש - פופצן זעכצן אורחים ביים טיש - ראש השנה. דער טיש איז געווען אזא הייליגער טיש - יעדער איינער איז געווען פול מיט התבודדות און חצות און מען האט גערעדט ביים טיש פונעם רבי'ן, אז עס האט געקאכט דער טיש...

עס איז אריינגעקומען אמאל איינער - טאקע דער נטע[לב].

ר' משה בינענשטאק: דער בחור גארעליק?

רלוי"צ: יא. ער איז אריינגעקומען צו מיר - זאגט ער: 'געוואלד, אזא טיש ווי ביי אייך איז דא - אזא טיש'!

איך טראכט אלעמאל: רבונו של עולם, ווען וועל איך זוכה זיין צו הערן אזא מין טיש? ווען וועל איך זוכה זיין צו אזא מין טיש - צו אזא מין הייליגן טיש - מיט אזא מין בענקאכטס צום אויבערשטן, אזא מין תשוקה, א געוואלד!?!

---

ובמה יזכה להתקרב לאורות כאלו בלי יסורים ושפיכות דמים?! על כן כל תיקונו כשיעמוד בנסיון ויתקרב עתה דייקא!

[לב] בחור מחסידי חב"ד בבאברויסק שבליטא שנתקרב לדרך רביז"ל. פעמיים נשלח לסיביר בשל עסקו הגלוי בתורה ומצוות וקירוב נפשות ושהה שם שמונה שנים תוך נסיונות עצומים שעמד בהם במסי"נ (ראה שיש"ק ד, תקס"ב). אחר שחרורו נסע למוסקווה להשתדל בשיחרור המהריי"צ מליובאוויטש אך נתפס ונשלח שוב לסיביר ולא נודע מה עלה בגורלו (שיש"ק ה, רס"ג). בראש השנה תרצ"ט היה באומן. (גידולי הנחל)

זי ע"ה (זוגתו של רלוי"צ - מרת פייגא ב"ר אהרן קיבליטשער) איז געווען א גרויסע צדיקת און זי האט צוגעגרייט עסן. אמאל האט זיך אנגערופן איינער, ר' מרדכי באברינעיצער: זעה, זי גיט אוועק אלצינג - איך וויל זעהן צו זי האט זיך עפעס איבערגעלאזט - 'האסט דאך גארנישט איבערגעלאזט פאר זיך! האסט אינגאנצן אוועקגעגעבן!'

זי האט אוועקגעגעבן (אלעס) פאר די אורחים. איך האב דעמאלט געדארפט דאווענען פארן עמוד, בין איך מיט מיין משה ע"ה געלעגןביידע אויף דער ערד - אלץ אוועקגעגעבן פאר די אורחים, איך בין טאקע געווארן הייזעריג די נאכט פון ראש השנה...

עס איז געווען עפעס אזוי אז איך ווייס?! אה, איי איי איי - ממש אזוי ווי מען דערמאנט זיך פון בית המקדש... עס איז געווען א בית המקדש! עס איז געווען - דו מיינסט אז נאשקע ע"ה (היה אדם סתם)? מען רעדט פון א יונגערמאן - א נאשקע[לג] - א טשאטשקע געווען!

רמ"ב: אויך געווען פון די אורחים?

רלוי"צ: יא, אוודאי! ער איז געווען מיין אורח - איך האב געהאט ברוך השם אורחים 'צדיקים'!

אנקוקנדיג די פנים'ער פון די אורחים - אזעלכע לעכטיגע פנים'ער, אויסגעווייינטע פנים'ער, אויסגעוואשענע פנים'ער מיט טרערן, און מען רעדט און מען ברענט אינעם רבי'ן - א געוואלד!

ר' נחמן: איציק באברינעיצער[לד]?

רלוי"צ: אוודאי, איציק איז געווען מיין אורח מיט די קינדער - און נאשקע ע"ה.

רמ"ב: מרדכי[לה] מיט די קינדער?

רלוי"צ: אלע - אלץ געווען מיינע אורחים.

---

[לג] ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת.

[לד] ר' יצחק ב"ר נתן שטרנהארץ מבאברניץ ב"ר נחמן בן מוהרנ"ת, נפטר בשנת תרצ"ז בניו: ר' יעקב, ור' נחמן - עלה לא"י, ור' נתן. חתן ר' חיים מקיבליטש. (גידולי הנחל)

[לה] ר' מרדכי ב"ר טוביה מבאברניץ. בעל מדריגה גדולה ובעל צדקה מופלג. בניו - ר' פישל, ור' ישראל. נהרג ממכת עלעקטער"י בעיר קריבווירוג ביום היארצייט של אביו ר' טוביה בן 74 שנים בכ"ד תמוז תרצ"ו.

ר' נחמן: איר האט געדארפט האבן א גרויסע דירה!

רלוי"צ: יא יא, איך האב געהאט פיר חדרים, יא, איך האב געהאט א גרויסע דירה.

מיין משה ע"ה[לו], ער פלעגט משמש זיין, ער האט געהאט אין זיך א געוואלדיגע חיות צו משמש זיין - משמש זיין אונזערע לייט; משמש זיין אין שול - ער האט געהאט דערפון א געוואלדיגע הנאה - ארומלויפן, טוהן, משמש זיין.

ער איז געווען ביים רבי'ן נאך פון פאר די זיבן יאר! ער איז געווען צוועלף ראש השנה'ס!

רמ"ב: ווען האט ער חתונה געהאט?

רלוי"צ: פאר די צוואנציג - דא אין ארץ ישראל[לז].

ר' נחמן: דער רבי זאגט אין חיי מוהר"ן[לח] אז מען וועט ברענגען פאר אים א קטן, דאכט זיך אז ר' אברהם ר' נחמן'ס וויל פון דעם לערנען אויך אויף נאך די הסתלקות פון רבי'ן[לט]

רלוי"צ: יא, איז אויך דא!

די קינדער - ביי זיי איז געווען דעם רבי'נס ציון אזוי ווי א שפילעכל, קינדער פלעגן אראפלויפן אויפן ציון - אפגעזאגט די צען קאפיטלעך תהילים און אינדרויסן זיך געשפילט - קינדער! (אזוי איז) געווען ביי זיי אלע טאג - געלאפן אויפן ציון, געזאגט די צען קאפיטלעך - און אינדרויסן זיך געשפילט...

❖

# לב העולם

רלוי"צ: מען האט געזעהן - די אלע מתנגדים - זיי קענען נישט דאס איבערליינען, 'וואס איז דא? וואס איז דא? אזעלכע אידן - וואס איז דא?' זיי האבן קבלות - אבער וואס טוהט זיך דא?

---

[לו] נולד בקיבליטש באלול תרע"ח. נלב"ע תשל"ג בהיותו בגיל **54**.

[לז] הוא עלה לא"י קודם אביו ר' לוי יצחק - עם הרה"ח ר' אברהם שטערנהארץ ז"ל.

[לח] אות תקי"ז

[לט] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אחד ד"ה: 'להודיע לדורות'.

ר' נחמן: דער טשעהרינער רב ברענגט אראפ אין פרפראות[מ], אלע פרעגן 'וואס? וואו? ווען?' מען שלעפט צונויף דעם עולם!

רלוי"צ: יא יא!

די אלע עובדים - ר' געצע (וכדו') - ראש השנה זענען זיי געווען שטילער (לא התפללו בקול רם כ"כ), ראש השנה - 'אל תתהדר לפני מלך!'[מא] דעמאלט זענען זיי געווען שטילער, זיי האבן זיך נישט אנגעזועהן. איך האב אמאל געפרעגט (ר' געצע'ן על כך. ענה:) 'ראש השנה איז דעם רבי'נס זאך - דארף מען זיך נישט ארויסשטעלן אין עבודה!'. זיי זענען געווען שטילער. מוצאי ראש השנה - דעמאלט האט מען ארויסגעגעבן קריק...

עס איז אויך געווען פראסטע מענטשן, ממש נישט קיין בני תורה, און אזעלכע הערצער געהאט צום אויבערשטן, אזעלכע הערצער - אה! איי - א געוואלד! א געוואלד!

'דער נאגל פון דעם פוס פון דעם הארץ פון דער וועלט איז הארציגער' פון א אנדערן'ס הארץ![מב]

❖

## אבי ער איז געפארן אויף ראש השנה!

ר' נחמן: ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס, שרייבט פון ר' אפרים'ס הסתלקות[מג]: "אוי ומר על שברנו המר והמרור ששמעתי בזה הרגע מהסתלקות הצדיק החסיד ר' אפרים ז"ע, אוי לי, וי לי, אוי אוי לי על צנא מלא דספרא - אשר מסר נפשו בשביל להיות על ראש השנה של הצדיק! להתפלל בבחינת דין, כמבואר בליקוטי הלכות על הצדיקים

---

[מ] סי' ה' תניינא, אות כ"ז: ומזה מובן ממילא כי אדרבא דייקא עכשיו שאין אנו זוכין לראות את מורינו בעיני אדם ממש, וכן לשמוע מוסר מפיו הקדוש ולטעום מתיקות אמרי נועם שלו בפועל ממש בשעת הקיבוץ כמו שהיה בחיים חיותו ז"ל, ואף על פי כן מתקבצין אליו ונשענין על זכותו הקדושה, וכל אחד צועק מעומק לבבו בתמימות ובפשיטות גדול לזכות לשוב אל ה' ולהתקרב אליו יתברך באמת והחולקים רואים את כל זה ותמהים ושואלים וחורקין שיניהם מאד על ענין הקיבוץ הזה בכל שנה ושנה ביגיעות וטירחות גדולות כל כך ומה אתם רואים? ומה אתם שומעים? וכו', ואי אפשר להשיב להם שום תשובה נוצחת כלל! כי ענין זה הוא רק כל חד כפום מה דמשער בלביה יודע ומרגיש גודל קדושת הענין הזה וגודל הפעולה הקדושה והתועלת הגדול שמגיע על ידי זה לכל אחד מהקיבוץ הזה!

[מא] עי' ליקו"מ תורה כ', אות י' - שנאמרה בראש השנה: 'דלא אתחזיא' - כי צריך להקטין את עצמו, ולא יתלה בזכותו כנ"ל, בבחינת (משלי כ"ה): "אל תתהדר לפני מלך".

[מב] סיפורי מעשיות, מעשה מהז' בעטלירס, מיום השלישי: דֶער נָאגִיל פוּן דֶעם פוּס פוּן דֶער וֶועלְט אִיז הַארְצִיקֶער אֵיידֶער אֵיין אַנְדֶערִינְס הַארְץ!

[מג] מכתב קנ"א

המופלגים הגנוזים בחוץ לארץ - שזה תפילה בבחינת דין. ועתה אני מבקש להודיע לי מתי נסתלק, ואם באומאן היה בריא על ראש השנה, והיכן ובאיזה מקום נסתלק, כי לבי דוי על הסתלקות אב"ן טוב כזו, ורוצה אני לידע איך ומה הסתלקותו. ואשרי לו, שבן ד' או ה' שנים היה מקורב לרבינו ז"ל בכל מאמצי כחו! בכל לבבו, ובכל נפשו, ובכל מאודו, וקירב עצמו בכל כוחותיו לאדמו"ר מוהרנ"ת זצ"ל, אשרי לו! בשלום ינוח על משכבותיו. ואנו צריכים בכל עת ללמוד החיבור שלו[מד] - על כל פנים מעט, בכדי שיהיו שפתותיו דובבות בקבר. ומעתה יהיה בלע המות לנצח!".

רלוי"צ: דער ר' אפרים איז נפטר געווארן ערב סוכות[מה]. דעמאלט איז עפעס נפטר געווארן איינער עפעס א רב'ס א זוהן - א יונגערמאן, נישט פון אונזערע מענטשן. א רב דארטן אין שטאט - זיינער א זוהן - א חשוב'ער יונגערמאן געוועזן און נפטר געווארן. זענען אריינגעקומען אונזערע לייט (צו ר' אפרים'ען) - מען האט שוין געזעהן אז ער האלט ביים נפטר ווערן, האט ער א זאג געגעבן: ["איר קענט דאך אפשר מיינען, איר וועט מיר געבן א מקום לעבן דעם רב'ס זוהן?"] האבן זיי געזאגט: 'יא'!

(ענה להם:) "חס ושלום, ווער עס זאל נישט זיין, אבי ער איז געפארן אויף ראש השנה!" ער ליגט טאקע לעבן א פראסטער מענטש. ר' פנחס יהושע[מו] ליגט אין די אנדערע זייט[מז].

'ווער עס זאל נישט זיין, אבי ער איז געפארן!'

דעם ראש השנה איידער ער איז נפטר געווארן - ער איז געוועזן אין אומאן ראש השנה, נאר א טאכטער האט ער געהאט אין טשעהרין - איז ער געוועזן זייער שוואך, ער האט נישט געקענט אריינגיין דאווענען אפילו אין בית המדרש (בראש השנה), איז ער

[מד] ליקוטי אבן ותפילות הבוקר

[מה] י"ד תשרי תרמ"ג בטשעהרין.

[מו] תלמיד מוהרנ"ת. בנו של ר' יצחק אייזיק יוסף סופר תלמיד מוהרנ"ת. על אף דלותו המחרידה היה בעל צדקה גדול ועובד ה' במסי"נ. בניו: ר' נתן בייטלמאכר ור' נחמן מקרימינטשוק, חתנו: ר' אברהם אביו של ר' געצע ליבאוונע. נפטר בשנות התר"מ.

[מז] עי' טעם זקנים קו' כ': שאמר להם ר' אפרים: "חס ושלום! לעבן א טרעגער, לעבן א וואסער פירער, אבי איינער וואס ער איז געוועזן אין אומאן אויף ראש השנה"! און דעמאלטס איז נאכנישט געוועזן (- אנשים חשובים מאנ"ש בבית העלמין דשם), האט מען איהם געלייגט טאקע ערגעץ לעבן א פראסטע מענטש פון אונזערע לייט, וואס ער איז געוועזן אין אומאן אויף ראש השנה! נאכדעם ליגט שוין טאקע 'רבי פנחס יהושע' - ליגט שוין לעבן איהם אויף די אנדערע זייט, ער איז שפעטער נפטר געווארן. איך רעדט אלם די אלע שמועסן אלס, וואספארא אהבה ס'איז געוועזן ביי אונזערע לייט! ער איז געוועזן אויף ראש השנה - קען זיין א פראסטע מענטש - א גראבער יונג קען זיין! רבי אפרים איז געוועזן א גאון, א שר התורה! רבי אפרים! ס'איז עפעס א קליינינקייט? 'רבי אפרים'!

געוועןן אין דעם חדר פון ר' נחמן'ען (מטולטשין), דער חדר איז געוועןן אפן, און ער האט געדאוונט.

דער גאנצע עולם איז אריינגעגאנגען אים אפגעגעבן: 'גוט יום טוב'.

ר' נחמן: ר' אברהם שטערנהארץ האט דערציילט אז ער איז דעמאלט אויך אריינגעגאנגען.

ר' נחמן פונה לר' שמואל שפירא: איר געדענקט ר' אברהם האט דערציילט די מעשה פון ר' אפרים אז דער עולם איז אריינגעגאנגען צו אים דעם לעצטן ראש השנה?

ר' שמואל: יא יא, נאכן דאווענען.

ר' נחמן: זאגן גוט יו"ט.

ר' שמואל: יא יא.

רלוי"צ: ווייטער, מען קען נישט וויסן ווען ר' אפרים איז נפטר געווארן; צו פאר ר' נחמן'ען - צו נאך ר' נחמן'ען (מטולטשין).

ר' שמואל: עס שטייט נישט דארט דער יאר?

ר' נחמן: אה - יא, עס שטייט דאך יא, אוודאי - א' מקץ תרמ"ג (היינו, שאז נודע לר' נתן ב"ר יהודה על הסתלקות ר' אפרים) - ער איז נסתלק געווארן תרמ"ג.

רלוי"צ: א יאר פאר ר' נחמן'ען.

ר' נחמן: דאס הייסט אנדערהאלבן יאר פאר ר' נחמן'ען, ווייל ר' נחמן איז דאך ניסן.

רמ"ב: ווי אלט איז ער געוועןן? ניינציג יאר?

רלוי"צ: ער איז געוועןן א זקן.

ר' נחמן: ער איז געוועןן קרוב צו די אכציג, ווייל ער שרייבט אויף אים אזוי: "פיר-פינעף יאר איז ער אלט געוועןן ביי דעם רבי'ן" ["שבן ד' או ה' שנים היה מקורב לרבינו"], און פון ע"א ביז מ"ג איז נאך צוויי און זיבעציג יאר, איז עס א חשבון פון ארום אכציג יאר.

רלוי"צ: איך וויים נישט, ער איז געוועןן א זקן.

ר' נחמן: ער איז נישט צוגעקומען צו דעם טאטן'ס יארן; ר' נפתלי האט דערלעבט טאקע אכציג יאר.

רלוי"צ: ניין, ער מיינט נישט אזוי[מח], נאר ער מיינט - אז געקומען צום רבי'ן איז ער שוין ביי די דריי-פיר יאר (אלט), אבער ער האט געזעהן דעם רבי'ן אסאך מער.

אוודאי איז ער געווען ביים רבי'ן אסאך מער - דער רבי האט דאך אים פארהערט צוזאמען מיט ר' שכנא'ן[מט], (אלא כוונתו היא) אז ער איז געווען דריי פיר יאר איז ער שוין געקומען צום רבי'ן, אבער ער האט געזעהן דעם רבי'ן מער יארן.

ר' נחמן: ר' נפתלי מיט ר' נתן'ען זענען געווען די זעלבע יארן אלט!

רלוי"צ: יא, יא, [תק"]מ!

ר' נחמן: נו, ווי אלט איז געווען ר' שכנא, בשעת דער רבי איז נסתלק געווארן?

רלוי"צ: ר' שכנא איז געבוירן געווארן - ברענגט ר' נתן[נ] - כסליו תקס"ג, איז ער אלט געווען דעמאלט אכט יאר, און ר' אפרים מסתם אויך אזוי.

רמ"ב: קומט אויס אז ער איז נסתלק געווארן ביי די אכציג יאר.

[רלוי"צ: ווי זענען מיר דא שוין - מיר זענען שוין אדורכגעפארן ר' יוסי בן חלפתא?

רמ"ב: נאכנישט.]

ר' נחמן: ער שרייבט[נא] אויף ר' נחמן רעוואוצקער, ער האט געהאט צוטאן מיט די אויגן: "אך תמיה לי: מה זה שאחרתם לכתוב לי מהכאב עיניים של ידידינו הותיק וחסיד אוהבנו באמת ר' נחמן נ"י, כי אין אנו צריכין לחרוש ולשתוק מדבר זה וכו', כי ידידינו ר' נחמן נ"י הוא פארנו וזיונו; וכי יש לנו אנשים הרבה בצפת כמוהו?! ותיכף כראות המכתב הלכנו אנו ור' קלמן על קבר התנא רבי יוחנן בן זכאי ותלמידיו הקדושים, ושל"ה הקדוש, ורב אמי ורב אסי - והתפללנו עבורו. וגם אתם אל תחרישו

---

[מח] לא זוהי כוונת ר' נתן בר"י במכתבו כשכותב "שבן ד' או ה' שנים היה מקורב לרבינו ז"ל" – שהיה בשנת תקע"א בעת הסתלקות רבינו 'רק' ד' או ה' שנים.

[מט] עי' טעם זקנים קו' מ"ב; ובשיש"ק ח"ב, אות תקע"ט.

[נ] ימי מוהרנ"ת ח"א, ג'

[נא] במכתבי ר"נ בר"י מכתב י"ג

ואל תשקוטו להמתיק הדינים מאנ"ש, כי נלקחו מאתנו מחמת חריקת הבעל דבר, מקודם ר' דוד ז"ל, ואחר כך הצדיק הגנוז ר' נחום זלמן זצוק"ל".

ר' בנציון אפטער האט אמאל דערציילט אז אין די צייטן פון ר' נחמן טולטשינער איז געווען א גרויסער מקובל ר' נחום, איר האט געהערט פון דעם?

ר' נתן לייבעלע ראובן'ס שרייבט: (מכתב י"ג) מען איז מחויב צו רעדן מיט די בני הנעורים פון רבי'ן... 'כי מפי עוללים ויונקים יסדת עוז[נב], כי כך היה רצון רבינו ז"ל[נג].

❖

## חוץ לארץ קען דיך נישט סובל זיין!

ר' נחמן: דו ווייסט - ר' ישעי' שלום דארף צו ליגן אין צפת.

רלוי"צ: ר' ישעי' שלום - ר' יודל'ס זוהן? ווער זאגט? ווי קען דאס זיין?

ר' נחמן: אזוי שרייבט ער (מכתב קמ"ו): 'בשעת מען האט זיי ארויסגעטריבן פון דעם אר"י'ס שול, עס איז געווען א גרויסע מחלוקת' - שרייבט ער צו זיי - 'איך האב געהערט פון ר' נתן'ען אז דער וואס הויבט זיך אן מיט דעם רבי'נס מענטשן 'בזה נתמלא סאתו יותר מכל העבירות!'. ואתם חזקו ואמצו בדבר ה', והיכן שתתפללו תעלה תפילתכם לפני כסא כבודו - בזכות האריה"ק וכו' און אויב איר ווילט דווקא דאווענען אין די שול - בכדי שלא לעשות להם נייחא, תקבלו עליכם שלא תרצו שום כבוד, איינס פון די ביידע, ואפילו לפעמים איזה בזיון - זאלט איר אויך מקבל זיין', שרייבט ער 'ומה עשה אבי' [- זיין טאטע ליגט אין צפת], 'ור' ישראל מליפוביץ[נד] וגם ר' נחום זלמן עם הצדיק ר' ישעי' שלום - שלא התפללו בבית הכנסת זה' - אין דעם אר"י'ס שול?!

---

[נבנב] תהלים ח, ג

[נג] עי' ליקו"ה ברכת הראיה ה"ה, ט"ז: השי"ת חפץ דייקא בעבודת התחתונים גושי עפר חסרי דעת וחפץ דייקא בעבודת הילדים ובני הנעורים שהם עוללים ויונקים! כאשר מפרש הפסוק אחר זה מיד "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז למען צורריך להשבית אויב ומתנקם". מפי עוללים דייקא שהדיבור של עוללים ויונקים יקר בעיניך מאד! ואתה מייסד ממנו יסוד עז וחזק שעל ידי זה דייקא אתה מנצח הצוררים ומשבית אויב ומתנקם.

[נד] מאנשי המשא ומתן שבתלמידי רבינו. היה מחותנו של מוהרנ"ת; בתו נישאה לר' נחמן בן מוהרנ"ת. בערוב ימיו עלה לארץ ישראל והתיישב בצפת.

רלוי"צ: ר' יודל איז נישט געפארן קיין ארץ ישראל, און ר' ישעי' שלום (בנו)? מען האט קיינמאל נישט געהערט דערפון - דער וואס עס איז געפארן לאזט זיך הערן... [נה]

ר' נחמן: ער דערציילט - ר' אליהו חיים, אז ר' נחמן טולטשינער איז געווען אין ארץ ישראל.

רלוי"צ: איך ווייס נישט, מען ווייסט נישט.

ר' נחמן: ער זאגט - אז אזוי ווי ער איז נאר צוריקגעקומען פון ארץ ישראל, האט ער געזאגט צו ר' אברהם ר' נחמן'ס: "דו דארפסט פארן שוין קיין ארץ ישראל; דיר פארטראגט נישט חוץ לארץ!"

רלוי"צ: דאס האט ער נאך קליינערהייט געזאגט, אוודאי, ר' אברהם ר' נחמן'ס האט טאקע געזאגט: 'ווען איך זאל ווען פאלגן דעם טאטן, וואלט מיר נישט אזוינס איבערגעגאנגען!'

ר' נחמן טולטשינער האט נאך קליינערהייט געזעהן זיין געפירעכטס - ער קומט אהיים פונעם חדר שטעקט ער אריין דעם קאפ צווישן די ספרים - קיינמאל נישט געזאגט די מוטער זאל אים געבן עפעס עסן. האט ער געזאגט: 'דו קערסט קיין ארץ ישראל, חוץ לארץ קען דיך נישט סובל זיין!'

אבער ער איז דאך נישט אוועקגעפארן (תיכף כשאמר לו), ער איז דאך אוועקגעפארן נאר נ"ד, ער איז שוין אלט געווען דעמאלט... ער איז געבוירן געווארן תר"ט.

ר' נחמן: איז ער אלט געווען ווען ער איז געפארן קיין ארץ ישראל, פינעף און פערציג יאר.

רלוי"צ: יא.

א זאך וואס איך ווייס נישט קען איך נישט זאגן, איך ווייס נישט צו ר' נחמן איז געווען. ר' נחמן האט דאך אלץ נאכגעטאן ר' נתן'ען, אלע נסיעות, עס וואלט זיך ווען געלאזט הערן עפעס א בריוו, עפעס א מכתב...

---

[נה] אבל כיום אנו יודעים ממכתב בכת"י מר' זלמן בנו - רב דק"ק מעדוועדיבקע - שמזכיר נסיעת אביו הרב ר' ישעי' שלום לארה"ק לעת זקנותו.

ר' נחמן: יא, אוודאי! אבער עס איז מסתבר אז יא - אז ר' נתן איז געפארן מיט מסירות נפש.

רלוי"צ: עס קען זיין, עס קען זיין.

❖

## נתן בן האשה חנה

ר' נחמן: ווער איז געווען ר' נתן ב"ר יצחק - אין ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס צייט?

ר' שמואל: איך בין געווען ביי אים אין שטוב א חודש צייט!

ר' נחמן: אה, דאס איז דער נתן בן חנה[נו]?

ר' שמואל: יא, יא[נז].

ר' נחמן: ר' נתן חנה'לע'ס, ער שרייבט טאקע 'נתן בן חנה', נאכדעם שרייבט ער: 'בר"י ז"ל', ווייזט אויס, ער איז נפטר געווארן דארטן.

ר' שמואל: דער פאטער האט געהייסן ר' יצחק מראיריד[נח].

ר' שמואל שואל את רלוי"צ: איר זענט געווען אין די שטעטל, אין דעם דארף?

רלוי"צ: אוודאי בין איך געווען אין ראיריד.

ר' נחמן: עס איז נישט ווייט פון ברסלב, דארטן איז געווען א יריד א גרויסער, ניין?

רלוי"צ: יא, יא.

זענט איר געווען ביי דעם ר' נתן'ען אין שטוב?

ר' שמואל: יא, ער איז געווען א זקן מופלג.

רלוי"צ: ער איז געווען א מכניס אורח.

ר' נחמן: ר' נתן חנה'לע'ס, יא, א ריינער מענטש איז ער געווען - דערציילן זיי.

---

[נו] מוזכר הרבה פעמים במכתבי ר' נתן ב"ר לייבעלע ראובן'ס

[נז] בנו של ר' יצחק מראיריד מתלמידי מוהרנ"ת. מכונה גם ר' נתן בן האשה חנה, ע"ש אמו שהיתה נכדת הרה"ק רבי אברהם דוב מחמלניק מחותנו של רבינו. היה חתנו של ר' יקותיאל מבאברינייץ תלמיד מוהרנ"ת (אחיו של ר' יצחק בער מטעפליק מתלמידי מוהרנ"ת - עי' טעם זקנים קו' פ') זכה לזקנה ושיבה ור' שמואל הורוויץ מזכירו רבות בספרו 'ימי שמואל'. נפטר י"ג טבת תש"ד. אחיו: ר' יואל צבי - מוזכר במכתבי ר' יצחק בעל"ת י"ד.

[נח] מוזכר בעל"ת מכתב רנ"ד

ר' שמואל: ער האט געוואוינט אין מירון, בין איך געווען ביי אים.

רלוי"צ: אין מירון האט ער געוואוינט?

ר' נחמן: יא, אין מושב זקנים איז ער געווען?

ר' שמואל: אין מושב זקנים.

ר' נחמן: ער, דוד רומענישער[נט] דערציילט פון דעם ר' נתן, אז ער איז געקומען קיין צפת - אז עס איז געקומען אן אורח און ער האט געוואלט וויסן צו עס איז א ברסלב'ער צו נישט - פלעגט ער פרעגן: 'אריינבראקן א ציבעלע?' ער האט געמאכט א סאלאט.

ר' שמואל: נישט דער ר' נתן, ניין, ר' נתן טירהאוויצער[ס].

ר' נחמן: אויף ר' נתן טירהאוויצער דערציילט ער?

ר' שמואל: יא. ר' נתן טירהאוויצער איז געווען א גביר.

ר' נחמן: אריינבראקן א ציבעלע[סא]? אז יענער האט געזאגט: ניין, האט ער געוואוסט אז דאס איז א ברסלב'ער - האט ער אים אריינגענומען שוין צו אן אנדער חדר, און ער האט אים שוין געגעבן גוט צו עסן.

ער שרייבט אזוי, (מכתב י"ג) ואודות מה שכתב לי ר' נתן בן ר' יצחק נ"י שלפעמים הוא שוכח אם הוא בן מלך[סב]: **"תדעו שמי שהיה כי אם פעם אחת על ציון רבינו ז"ל, או שעוסק בדברי רבינו ז"ל - בוודאי הוא בן מלך!** רק הוא עדיין מגודל אצל העבד, עד שיחפש עצמו על כל פנים חצי שעה ביום, להתאנח 'היכן אני בעולם', עד שבסוף יבא לגדולתו. והזמן לפניך הוא בעת קריאת שמע על המטה קודם השנה - אז תתאנח עכ"פ חצי שעה, וכשתעסוק בזה עכ"פ חודש אחד ברצופים, בוודאי אם ירצה ה' יהיה לך איזה שנוי ברצון" - עס איז געוואלדיג.

---

[נט] ר' דוד קלמנוביץ ב"ר אבא יהודה לייב ידוע בכינויו "ר' דוד רומיינישער". עלה לא"י תרס"ד. נלב"ע ח' תשרי תשל"ב בן 79. ומנו"כ בהר הזיתים אביו ר' אבא לייב היה מאנ"ש. נולד תרנ"ג. (גידוה"נ)

[ס] אליו נכתבו כמעט כל המכתבים מרבי נתן ב"ר לייבעלע ראובן'ס. נולד בשנת תרט"ו לאביו ר' צבי הירש טירהאוויצער, ונשא לאשה את בת ר' שמואל פיקסל מנגידי אנ"ש בטירהאוויצע ואח"כ בצפת. נפטר ט' כסלו תרע'ט - מנו"כ בצפת (אנ"ש במכתבים - ע"י: 'ד. דגן' המודפס בסוף ספר מכתבי ר' נתן ב"ר יהודה שיו"ל ע"י קרן אודסר)

[סא] עי' שיחות הר"ן רס"ה.

[סב] ע"פ סיפורי מעשיות במעשה י"א בהמעשה של הבן מלך ובן השפחה שנתחלפו עיי"ש

נאכדעם שרייבט ער אזוי: איך שיק אייך משלוח מנות, אויסצוטיילן די פאר גראשן דארטן, יעדער איינער פון אונזערע לייט דארט, ר' איצילע, ר' נחמן, ר' אייזיקל, ר' דוב שו"ב. נאכדעם זאגט ער: "ואני אשלח לכם בעצמכם משלוח מנות, דיבור אחד ששמעתי מאדמו"ר רבי נתן זצוק"ל מענין פורים, שאמר רבינו ז"ל: 'מתחילה היו כל ההתחלות מפסח, ועכשיו - ולא סיים'[סג], ושמעתי ממנו ז"ל - פון ר' נתן'ען, שאמר: 'ועכשיו יש רבינו ז"ל - שכל התחלות מאתו'![סד] **שאי אפשר להתחיל לכנוס בעבודת השם יתברך כי אם על ידי ספרי רבינו ז"ל!** וכל מי שיתמיד יותר בהם - בוודאי יכנוס בשלום ויצא בשלום' -

הע, אזעלכע לשונות, געוואלדיגע לשונות דארט!

רלוי"צ: יא, יא.

❖

## אט דא איז דיין ארט!

ר' נחמן: ער האט טאקע געהייסן 'ר' נחמן בן טוביא' (שם מכתב י"ג) - דער ר' נחמן רעוואוצקער וואס האט געהאט צו טאן מיט די אויגן – "ה' ישלח לו רפואה שלימה, ולידידי אוהב נפשי ר' איצעלע נ"י, ה' יתברך ירחם עליו, בזכות המסירת נפש שהיה לו במלבושים של אדמו"ר רבי נתן ז"ל" - וואס איז געווען די מעשה? איך האב אנגעצייכנט נאך א פלאץ (מכתב ס"ז) - דארטן שרייבט ער מער ארוים: "וגם תכתוב לי מה עושה ידידי אוהבי באמת אשר הציל את אדמו"ר מוהרנ"ת מחרפות ומבזיונות באומאן - מורינו הרב ר' איצעלע נ"י", דאס איז נישט דעמאלט וואס מען האט געוואלט

---

[סג] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא ע"ד

[סד] עי' גם במכתבי ר' נחמן טולטשינער מכתב ז', וזל"ש: וּתְנוּעַת הַנִּגּוּן בִּרְמִיזוֹת הָעֵינַיִם וְהַיָּדַיִם הַקְּדוֹשִׁים וְהַנּוֹרָאִים שֶׁהָיָה מַרְאֶה לָנוּ תַּלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ, מוֹרִי וְרַבִּי מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, גַּם כֵּן אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר אֲפִלּוּ פָּנִים אֶל פָּנִים, מִכָּל שֶׁכֵּן בִּכְתָב. וּבִפְרָט מַה שֶּׁהִתְחִיל אַחַר כָּךְ בְּקוֹל רָם וְחָזָק, בִּתְחִלָּה הָיָה כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח, וְעַל כֵּן כָּל הַמִּצְווֹת הֵם זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם. "אוּן הַיינְט" וּמָשַׁךְ בְּקוֹל נְעִימָה "אוּן הַיינְט" כַּמָּה רְגָעִים, וְנִשְׁאַר בִּשְׁתִיקָה. מַה נֹּאמַר וּמַה נְּדַבֵּר אַשְׁרֵינוּ שֶׁאָזְנֵינוּ זָכוּ לִשְׁמֹעַ כָּל זֹאת, וּבִפְרָט אֵיךְ שֶׁגִּלָּה לָנוּ מָרָן מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל עַד הֵיכָן שֶׁמִּתְנוֹצֵץ בְּלִבּוֹ הַזַּךְ כָּל זֹאת בְּכַמָּה צֵרוּפִים. וְאַחַר כָּךְ תֵּכֶף גִּלָּה הַתִּקּוּן שֶׁל הַיּוּד מִזְמוֹרִים בִּפְרָטִיּוּת, וְהִזְהִיר אָז לְדוֹרוֹת בְּהַבְטָחָה גְּדוֹלָה בְּעֵדִים נֶאֱמָנִים שֶׁיַּעֲמֹד בְּעֶזְרָתֵנוּ סֶלָה תָּמִיד כָּל מִי שֶׁיָּבוֹא עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא וְכוּ', וְאַחַר כָּךְ תֵּכֶף סִפֵּר הַמַּעֲשֶׂה הַנּוֹרָאָה בִּירְאָה עִלָּאָה דְעִלָּאָה שֶׁל הַזַּיִן בֶּעטְלֶירְס, וְאַחַר כָּךְ תֵּכֶף אַחַר פֶּסַח נָסַע לְאוּמַאן. וְכָל זֹאת גִּלָּה רְמָזִים מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל, שֶׁהַכֹּל אֶחָד וְהַכֹּל קֶשֶׁר אֶחָד וְכָלוּל בְּהַדִּבּוּר "אוּן הַיינְט". וּבְהַהַמְשָׁכָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁמָּשַׁךְ תֵּבַת אוּן הַיינְט בַּאֲרִיכוּת נֹעַם. אוּן הַיינְט צְרִיכִין לְגַלּוֹת הַמִּזְמוֹרִים בִּפְרָטִיּוּת וּלְהַבְטִיחַ הַבְטָחָה הַנַּ"ל! אוּן הַיינְט צְרִיכִין לְסַפֵּר הַמַּעֲשֶׂה הַנַּ"ל וּלְסַיֵּם אוּן אִיךְ הַייל זִיא! אוּן הַיינְט צְרִיכִין לִנְסֹעַ לְאוּמַאן וְלִנְטֹעַ מְקוֹם קְדֻשָּׁתוֹ לְדוֹרוֹת עוֹלָם בְּאוּמַאן!

אריינוואַרפן די זאכן (מלבושיו של מוהרנ"ת) אין באד? עס דאכט זיך אזוי, אז איינער האט געוואלט עפעס אריינוואַרפן ר' נתן'ס זאכן אין באד - אין מרחץ אין אומאן.

רלוי"צ: איינער איז געווען - ר' נחמן טולטשינער איז געווען מיט ר' נתן'ען אין מרחץ, און ר' נחמן האט געזעהן ווי איינער האט געוואלט ארויפגיסן (על מוהרנ"ת) הייסע קאכעדיגע וואסער. ר' נחמן האט דאס דערזעהן, איז ער צוגעגאנגען און ארומגענומען און אויסגעגאסן די שעפעלע וואסער.

ר' נחמן: איר האט אמאל געזאגט א נאמען ווי אזוי ער האט געהייסן.

רלוי"צ: איך געדענק נישט, 'פוציע'!

ר' נתן האט א זאג געגעבן: 'ער וועט שוין האבן אלטע מוידן - אלטע טעכטער'. איך האב זיי נאך פארכאפט - עטליכע אין אכציג יאר געווען - אלטע מוידן - קיינמאל נישט חתונה געהאט, דאס האט ער געהאט א 'ברכה' פון ר' נתן...[סה]

ר' נחמן: אין ימי התלאות שרייבט ער דארט אז מען האט געוואלט אריינוואַרפן - איר געדענקט אזא זאך אז מען האט געוואלט אריינוואַרפן ר' נתן'ס בגדים?

רלוי"צ: עס קען זיין, דאס איז א אנדער מעשה - יא, איינס איז נישט סותר דאס אנדערע.

דער מרחץ איז געווען טאקע זיין מרחץ, מען האט עס גערופן: 'פוציע'ס באד'.

אין אומאן האט געקאכט אזא מין קעסל, אזא מין פאבריק, (אצל אנ"ש בעבודת השם), און עס איז געווען אזא מין התנגדות - איינער האט זיך אוועקגעלייגט לעבן די טיר - ער האט געשריגן: 'אידן האט אויף זיך רחמנות, פארוואס גייט איר אהערצו?'

'פארוואס גייט איר אריין דא? האט אויף זיך רחמנות!'

השואל: ביי אונזער שול האט ער זיך געזעצט?

רלוי"צ: יא, לעבן די שול!

השואל: און ווער איז געווען דער וואס ר' נחמן טולטשינער האט אים ארייגעלייגט אין בלאטע אריין?

[סה] עי' שיש"ק ח"ב החדש, אות ת"מ

רלוי"צ: שניאור דוד!

אחד הנוכחים: ש"ד.

רלוי"צ: כשמו כן הוא[סו]...

רמ"ב: און פארוואס האט ר' נחמן אים אנגענומען און געלייגט אין בלאטע אריין? ער איז אריין צו אונז אין שול און געשריגן?

רלוי"צ: עס איז געווען דעמאלט - ער איז אריינגעגאנגען אין שול אריין, ער האט געוואלדיג מבזה געווען, געזידלט (הוא היה שיכור בשמחת תורה) - און ר' נחמן איז געווען א גיבור, ער האט אים אנגענומען, ער האט אים אריינגעשטופט אין די בלאטע: 'אט דא איז דיין ארט!' - דא איז דיין ארט!

עס איז געווען אמאל שמחת תורה, ר' נחמן איז געווען זייער פרייליך, האט ער גענומען א קוילטש, ארום געגאנגען אינדרויסן און געטאנצט: 'ברסלב'ער חסידים עסן אויך קוילטש!'[סז]

געטאנצט אינדרויסן: ברסלב'ער חסידים עסן אויך קוילטש![סח]

מער פון דעם האט מען (אנ"ש) נישט געטאן; מען האט נישט געשלאגן.

❖

## אודות ר"נ בר"י וקרובי משפחתו

רלוי"צ: ער איז געווען א געוואלדיגער מענטש - דער ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס.

ר' נחמן: מען זעהט, מען זעהט! אפילו ווען מען ווייסט נישט די אלע מעשיות - זעהט מען פון די בריוון אז ער לייגט צו א פלייצע פאר ר' נתן'ען.

אחד הנוכחים: ער שרייבט, קבלה בידינו אז עיקר הלימוד היינט איז ספרי רבינו![סט]

---

[סו] עיין שיח שרפי קודש ח"ב, תלט. ובטעם זקנים קו' מ"ט.

[סז] עי' שיש"ק החדש ח"ב, שס"ה.

[סח] כאומר: על אף כל הרדיפות - לא נתן ה' למוט רגלנו, ויש לנו כל צרכנו בהרחבה! (שם)

[סט] מכתב קמ"ו: ואצלנו צריכין שיהיה עיקר הלמוד בהספרים הללו ואם ישאר פנאי ילמדו עוד שעורים! כי כך אמר רביז"ל.

**ר' נחמן: ער ברענגט אין די הקדמה פון 'קונטרס הצירופים'**[ע]**, אז ער האט געהערט פון ר' נתן'ען, אז דאס וואס די גמרא זאגט, 'אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו', גייט ארויף היינט אויפן רבי'נס ספרים!**[עא]

ער שרייבט[עב]: "לבי בוער בקרבי להודיע לכם, להלהיב לבבכם היקר, כי אתם בני מלכים, ולא בני השפחות, כי רבינו ז"ל לא קיבל לעצמו בני השפחות כי אם בני מלכים".

ער שרייבט אזוי[עג]: **אין חוץ לארץ איז דא משא ומתן, אבער דא אין ארץ ישראל איז דער עיקר משא ומתן – תפילה! דער עיקר משא ומתן איז תפילה!**

**רלוי"צ שואל מר' שמואל שפירא: איר ווייסט וואו ער ליגט אין טבריה? איר זענט אמאל געווען ביי אים?**

**ר' שמואל עונה: ווער וויים? מען ווייסט נישט!**

**רלוי"צ: די מציבות זענען אן נעמען?**

**ר' שמואל: יא** (אכן יש שמות)**, אבער ווער קען וויסן?**[עד]

**רלוי"צ: ר' אהרן דער רב האט זיך אפגעקליבן א פלאץ אינמיטן פעלד** (בביה"ח) **פאר זיך און פאר ר' נתן'ען -ביידע צוזאמען. אבער ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס האט געהערט פון ר' נתן'ען: אז מען וועט דורך פירן א נפטר דורך אים, וועט זיין פאר אים א טובה!. האט ער גערעכנט** (חשב לעצמו:) **אז ר' נתן וועט ליגן אינמיטן פעלד וועט מען דאך נישט דורכפירן יעדן נפטר. ווען ר' נתן איז נפטר געווארן, איז ער ארויף באלד אנהויב נאכט נאך הבדלה און ער האט געהייסן אויסגראבן א קרקע באלד אין פארנט** (בתחילת ביה"ח).

---

[ע] ר' נתן ב"ר לייבעלע ראובן'ס חיבר קונטרס מכל הצירופים שגילה רביז"ל (גימטריאות, וראשי תיבות וכדו'). עוי' שם בהקדמה הטעם שחיברו.

[עא] וז"ל שם: וַאֲנִי שָׁמַעְתִּי מִתַּלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר סָמַךְ יָדָיו גְּלִילֵי זָהָב טָהוֹר עָלָיו, אֲשֶׁר מַה שֶּׁנֶּאֱמַר בְּדִבְרֵי חֲזַ"ל אַשְׁרֵי מִי שֶׁבָּא לְכָאן וְתַלְמוּדוֹ בְּיָדוֹ – נֶאֱמַר עַתָּה עַל סִפְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ זְצוּקַ"ל.

[עב] מכתב י"ד

[עג] מכתב ט"ו, וזל"ש: "רק אנו צריכין שלא להתעצל בתפילה כי בחו"ל יש משא ומתן ובכאן **עיקר משא ומתן הוא תפילה!** ולזכות לתפילה בשלמות אי אפשר לזכות כי אם כשנבלה ימינו על ספרי רבנו ז"ל **ותלמידו הקדוש!** על כן אחי ורעי אהובי חזקו והתאספו יחד באגודה אחת ותלמדו ביחד ספרים הנ"ל ותשלימו השלשה נקודות ויהיה נעשה בכל עת מלאפום וימלא משאלותיכם הכל לטובה בזה ובבא".

[עד] בשנת תשס"ט נתגלה בס"ד מקום קבורתו בביה"ח העתיק בעיר טבריה - סמוך ונראה לתלמידי הבעש"ט הקדוש.

**וועו ר' אהרן דער רב איז געוואויר געווארן דערפון, האט ער געזאגט: "איך וועל אים נישט מוחל זיין, נישט בעלמא הדין, נישט בעלמא דאתי; ער האט מיר צוגענומען מיין אמת'ן חבר!"[עה]**

רמ"ב: מען זאל זיך אפשטעלן ביי ר' יוסי בר חלפתא דא?

רלוי"צ: ניין, ניין.

ר' נחמן: ווער איז געווען ר' אהרן פייטל, ר' אברהם בער פייטל, איר האט געהערט עפעס א משפחה פייטל?[עו]

רלוי"צ: פייטל? איך האב עפעס געהערט - איך האב געהערט פייטל.

ר' נחמן: ר' הערש גרשון פייטל, ר' נחמן פייטל.

רלוי"צ: ער דערמאנט אמאל חתנו ר' ישראל, יא?

ר' נחמן: אוודאי, פיל, ר' ישראל מכאנאראד[עז].

ר' נחמן: ער האט געהאט עטליכע איידעמער, ער האט געהאט אן איידעם ר' ברוך מוכר נרות[עח] - אין טייטרא, טייטרא איז רומעניע, ווייזט אויס אין רומעניע האט ער אויך געהאט קינדער.

רלוי"צ: דא איז געפארן אויף ראש השנה - חיים פלאנער[עט], איידער ער איז געקומען דא איז ער געווען אין 'פרדס חנה' (מושב זקנים) א שטיקל צייט. ער פלעגט פארן פון דארטן אויף ראש השנה (לירושלים, לקיבוץ)

רלוי"צ פונה לר' שמואל: חיים פלאנער - איר האט דאך אים געקענט?

ר' שמואל: יא יא.

רלוי"צ: איז ער געקומען מיט אן אלטן אידן, (ואמר האיש ההוא) ער איז אן אייניקל פון ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס - זיין טאטע האט געהייסן - דאכט זיך - נחמן. זיין טאטע פלעגט פארן קיין אומאן אויף ראש השנה פון דארטן (רומעניא?) און ער איז זיינער א

[עה] עי' שיש"ק החדש ח"ב, תקס"ט. ובטעם זקנים קו' כ'; וקו' ע"ח, ועוד.

[עו] עי' מכתבי ר"נ בר"י מכתב כ"ח.

[עז] ישראל טירהאוויצער, היה חתן ר' נתן ב"ר יהודה.

[עח] מכתב פ"ג.

[עט] בין ה 27 שנשלחו בתרצ"ח אל הבלתי נודע ומהיחידים שנותר בחיים, דר בא"י. (גידוה"נ)

זוהן (- כך סיפר האיש ההוא), א עלטערער מענטש געווען, מיט א ווייסע בארד - א עלטערער מענטש.

ר' נחמן: ער שרייבט אלעמאל אין די בריוון, זיך נאכפרעגן צו זיינע קינדער זענען געווען אויף ראש השנה.

רלוי"צ: חיים פלאנער פלעגט קומען מיט אים צוזאמען, ער איז געווען אין פרדס חנה איז ער געקומען צוזאמען.

ר' נחמן: ער האט דא קינדער דא אין ארץ ישראל - יענער אלטער?

רלוי"צ: א עלטערער מענטש, ער איז געווען דארטן אין א (מושב זקנים), ער איז דאכט זיך געשטארבן דארטן אין פרדס חנה. חיים איז געווען נישט אזוי אלט, חיים איז געווען יונגער, ער איז געווען עלטער - עטליכע יאר געקומען און געזאגט אז זיין טאטע איז געווען ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס א זון, זיין טאטע האט געהייסן - נחמן.

ר' נחמן: פאר די פטירה זיינע איז ער געקומען צו מיר - ר' חיים - איך זאל אים איבערקוקן זיינע תפילין, וואס איז געווארן ווייס איך נישט, דאכט זיך ער האט גענומען צוריק די תפילין, און ער האט געזאגט אז ער וועט קומען דעם אנדערן פרייטאג, ער איז שוין נישט געקומען מער...

רלוי"צ: אז ער איז געקומען קיין מירון, פלעגט ער שרייען אויפן 'דאווענען!'

ר' נחמן: יא, אויפן דאווענען, וואס מען דאוונט שפעט.

עס איז דא א ספר'ל וואס רעדט שטארק פון דעם ענין פון זמן קריאת שמע, תפילה, א ליקוט פון אלע ספרים וואס רעדן וועגן דעם, האט ער עס געוואלט אפדרוקן - ער איז ארומגעגאנגען רעדן, מען זאל עס דרוקן.

ער דערמאנט זיין איידעם ר' שמואל אין א אנדער פלאץ[פ]. "ולפרוש בשלום עבורי לידידינו עוז, חבר אני לכל אשר יראוך משמש בקודש הקדשים, ה"ה איש ותיק וחסיד נבון וחכם כבוד מורינו הרב ר' נחמן [מטולטשין] ני"ו. ובלא מכתבו ג"כ אני מתפלל עבורו ובני ביתו בפרט בנו נ"י[פא].

[פ] מוזכר כמה פעמים במכתבים שלו "חתני ר' שמואל וכו'".

[פא] מכתב נ"ד.

וועמען מיינט ער בנו? מסתמא ר' אברהם'ען (ב"ר נחמן'ס). "ובפרט ששלח לי מתנה כזאת, דיבורים מרביז"ל ותלמידו הקדוש - אשר הם מחיין את נפש האדם מריש כל דרגין עד סוף כל דרגין! ובקשתי שטוחה מול כבודו להזכיר אותי בכל עת לפני רביז"ל שאזכה להיות נאכל להצדיק הקדוש! ולאמונה הקדושה! ולארץ ישראל הקדושה![פב]". אה - ער שרייבט דא ר' אברהם - ולפרוס בשלום לבנו ר' אברהם נ"י ולכל אנ"ש אשר נמצאים בשם...

❖

## רבי שמעון קער זיין דא!

ר' נחמן: איר האט געהערט אז דער רבי האט אמאל געזאגט: "רבי שמעון איז דא, און זיי טאנצן דארט"?

רלוי"צ: 'ר' שמעון קער זיין דא!'

רמ"ב: אין אומאן, אין ברסלב, וואו איז דאס געווען?

ר' שמואל: עס איז געווען ל"ג בעומר.

רלוי"צ: יא, ל"ג בעומר.

ר' נחמן: נו, דאס איז געווען בשעת חיי רבינו ז"ל.

רלוי"צ: ר' שמעון קער זיין דא.

ר' נחמן: אין אומאן איז עס געווען טאקע?

רלוי"צ: אין ברסלב![פג]

ר' נחמן: 'ושם תהיה בשמחה על ההילולא הרשב"י, כי רביז"ל בוודאי גם כן יהיה שם!

---

[פב] עי' ליקו"מ קכ"ט.

[פג] נדפס בשיש"ק החדש ח"ג, אות ת"פ.

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **לוי יצחק הערצאג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הכנסת בנו
כמר **ישראל יעקב** נ"י
לעותומ"צ
למזל טוב

מוה"ר **מאיר יחיאל פערלשטיין** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **יואל זיכערמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת הולדת הבת
למזל טוב

לעילוי נשמת מו"ה
**יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה